# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **קרח - חקת** תשפ"א ◆ עלון מס': **67**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### דעם רבי'ן דארף מען נישט פארשטיין

אין די לעצטערע צייטן האט די וועלט מיטגעלעבט פארשידענע געשעענישן. ווען אזעלכע זאכן פאסירן דערוועקט זיך ביי דעם מענטש צוויי סארט געפילן. איין געפיל איז דער געפיל פון ווייטאג, דער צווייטער געפיל איז א געפיל פון אומפארשטענדעניש. דער מענטש וויל פארשטיין. ער וויל פארשטיין פארוואס? די 'למה' פראגע באדערט אים, איינער זאגט עס הויעך, איינער טראכט עס נאר אין הארצן, אבער אלע ווילן פארשטיין.

דער הייליגער רבי, אין חובת הלבבות שער הבטחון פרק ג', ביים סוף פון דער זיבעטער תנאי, באציט זיך צו די פראגע. אין זיינע קורצע ווערטער געבט ער אונז צו פארשטיין אז די וועגן פון השי"ת זענען טיפער און פארהוילענער ווי דער מענטש קען זיך נאר פארשטעלן, עס איז אזוי טיף, ווי די טיפענישן פון דער ים.

ווען א מענטש שטייט ביים ברעג ים, אפילו ער האט א לאנגער האנט, קען ער נישט דערגרייכן די טיפענישן פון דעם ים צוליב איר טיפקייט. אזוי טיף און נאך טיפער זענען די וועגן פון השי"ת, אונזערע מוחות האבן א גרעניץ ביז וואו זיי קענען גיין און עס קען נישט גיין צו ווייט, צו טיף.

דער פסוק זאגט אונז - **משפטיך תהום רבה** - די משפטים פון השי"ת זענען טיף ווי די טיפקייט פון דער תהום. ווי עס שטייט [ישעי' נ"ה] **כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי.**

ווען מען איז זיך מתבונן אין מגילת איכה זעט מען ווי אויסער די קלאגעריי קען מען דארט טרעפן דברי נחמה, פרייליכע ווערטער וועלכער רעדן פון די חסדים פון השי"ת. דער פסוק חסדי השם כי לא תמנו שטייט דארט, עס איז אזוי מחזק, אז מען זינגט עס אלץ ניגון, ווייל אפילו ווען עס איז דא הסתרה איז דא חסדים און ווען מען זעט זיי, שטארקט זיך די אמונה, דער הייליגער כח וואס האט צוזאמענגעהאלטן כלל ישראל שטארק אין אלע דורות.

כלל ישראל אין אלע דורות האט זיך מבטל געווען צו די אמונה. דער חינוך בכל הדורות איז געווען אז מען איז זיך מבטל פאר די אמונה, מען גלייבט און מען איז מקבל, אפילו מען פארשטייט נישט. מען האט עס געזען כלפי שמיא און אויך כלפי די רבי"ס.

חז"ל דערציילן אונז איבער די ביטול וואס רבא האט געהאט פאר די תנאים [שבת קיב] אז ער האט געזאגט דער באקאנטער מאמר חז"ל **אם ראשונים כמלאכים אנו בני אנשים** - אז אויב די פריערדיגע זענען ווי מלאכים זענען מיר ווי מענטשן.

דער זעלבער שניט טרעפט מען ביי רבינו הקדוש, דער מסדר פון די תורה שבעל פה, ביי וועמען אליהו הנביא איז געווען רגיל על שולחנו יעדע שבת און נאך די פטירה פלעגט ער אראפקומען אויף די וועלט מאכן קידוש און דאך ווען ער פלעגט רעדן איבער זיין רבי, דער תנא רבי יוסי, וועלכער האט בכלל געלעבט א דור פאר אים, רעדט ער מיט אזא ביטול, ווען ער רופט זיך אן אלץ די 'עלובים' קעגן די פריערדיגע דור און גלייכט זיך צו ווי חולין פאר קודש.

אויך אין די לעצטערע דורות האט מען געזען אזא התנהגות. דער הייליגער חתם סופר שרייבט אויף זיין רבי הגה"ק ר' נתן אדלער זצוק"ל אז זיין רבי איז געווען בקי אין די שבילי דרקיעא, און ווען זיין זון דער כתב סופר פלעגט איבערזאגן א מימרא בשמו פלעגט ער זיך אויפשטעלן פון זיין ארט.

דער זעלבער טרעפט מען אויך ביים ווילנער גאון, אויף וועמען מען איז מעיד אז ער האט געלערנט בחברותא מיט רבי שמעון בר יוחאי און אליהו הנביא, אז ווען ער פלעגט רעדן פון דער הייליגער אריה"ק האט זיין קערפער געטרייסלט, די זעלבע הכנעה האט ער אויך געהאט פאר'ן הייליגן רמח"ל, רעדנדיג איבער אים מיט א קדושה יתירה, מיט א הכנעה, אז ער האט זיך נישט געוואגט צו מאכן הגהות אויף די ספרי הרמח"ל צוליב זיין קדושה.

און אויב די צדיקים האבן געהאט אזא הכנעה, האבן זיך מתבטל געווען פאר די פריערדיגע מיט אזא הכנעה, איז זיכער אז מיר דארפן זיך מתבטל זיין פאר'ן רבוש"ע, דער בורא כל עולמים, איבער וועמען עס שטייט צדיק השם בכל דרכיו.

דעם רבי'ן דארף מען נישט פארשטיין און קל וחומר נישט דעם באשעפער, מען דארף גלייבן און מקבל זיין זיין הנהגה און וויסן אז הוא לבדו עושה ויעשה לכל המעשים און גלייבן און מייחל זיין פאר זיין ישועה.

[ארויסגענומען פון שיעור 205 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### דער גאנצער סעט ספרים אדער איין ספר פון דעם סעט?

דערציילט מיר א ירושלימ'ער איד, איך האב זייער שטארק געוואלט קויפן א מתנה פאר מיין קינד, וויסנדיג אז ער האט זייער ליב איין געוויסער ספר, בין איך געגאנגען אין געשעפט און אים געקויפט דער ספר.

די רעדע איז געווען פון א גאנצער סעט פון ספרים. הערנדיג וויפיל עס קאסט דער גאנצער סעט, האב איך געזען אז עס איז צופיל געלט פאר מיר, איך קען זיך נאר ערלויבן איין באנד פון דער סעט, האב איך געקויפט איין באנד און עס געגעבן פאר'ן קינד.

איך האב געווארט צו הערן א הילכיגער יישר כח, אבער אנשטאט א הארציגער יישר כח, איז ער געווען מלא טענות.

"עס איז נאר איין באנד? איך וויל דער גאנצער סעט".

זיין רעקאציע האט מיר וויי געטון ביז צו די טיפענישן פון הארץ. איך געב זיך אוועק פאר אים, איך לייג אריין קאפ און מח ווייל כ'וויל אים קויפן א מתנה און דא, אנשטאט ער זאל עס שעצן, האט ער נאך טענות.

עס איז מיר געלעגן אויפ'ן צונג אים צוגעבן א זאג אז ער קען עס צוריקטראגן אין געשעפט, אבער דאן, האב איך זיך געכאפט ביי מיר, אז בעצם, בין איך דער זעלבער זאך, איך בין אזוי צו השי"ת.

וויפיל מאל באקום איך פון השי"ת מתנות, אבער איך בין נישט צופרידן מיט די מתנה פון השי"ת, אנשטאט אויסשרייען - יישר כח באשעפער פאר די מתנה, בעט איך אויף נאך. דער באשעפער געבט מיר טויזנט שקל און כ'בעט צוויי, השי"ת געבט מיר א קינד און כ'בעט געלט פאר'ן ברית.

עס איז אמת אז א איד דארף אייביג מתפלל זיין, אבער בעפאר מען בעט, שטעל זיך אפ א רגע, זאג ערשט יישר כח און נאכדעם קענסטו ווייטער בעטן און מתפלל זיין.

דער אלשיך הק' אין פרשת וישלח [קאפיטל לה פסוקים א-ד] זאגט, אז דאס איז דער דרך פון השי"ת\ ווער עס איז אים נישט מכיר טובה, ער זעט נישט איין די טובה וואס ער האט באקומען פון השי"ת, טוט אים השי"ת נישט מער קיין גוטס.

אין די צייטן פון דוד המלך האט א שרעקדיגע זאך באטראפן דעם כלל ישראל, טאג טעגליך זענען געשטארבן הונדערט מענטשן. ווען מען האט געזוכט די סיבה צו די גזירה האט מען אנטדעקט אז די סיבה איז אז מען דאנקט נישט גענוג השי"ת פאר די טובה.

דעמאלטס האט דוד המלך מתקן געווען מען זאל מאכן מאה ברכות יעדן טאג. אין ספר המנהיג שרייבט ער צו אז די תקנה צו לויבן השי"ת הונדערט מאל א טאג איז שוין געווען אין די צייטן פון משה רבינו, נאר מ'האט עס פארגעסן, און אין די צייטן פון דוד המלך האט מען עס צוריק אויפגעפרישט...

דער כוזרי [פרק ג'] זאגט אז לויבן השי"ת הונדערט מאל א טאג איז די מינימום וואס עס פאדערט זיך פון א איד. ווער עס לייגט צו וועט זוכה זיין צו ווערן נענטער און נענטער צו השי"ת. בתוך הדברים זאגט ער אויך אז ווער עס וויל זוכה זיין צו א זיסער לעבן, א געשמאקער לעבן, אז מען זאל אים מוסיף זיין עריבות אויף עריבות, זאל ער אייביג דאנקען און בענטשן אויף יעדער זאך וואס ער באקומט, דער דאנקען מאכט זיס דער לעבן, עס געבט אן ערך צו יעדע הנאה וואס א מענטש באקומט.

לאמיר זיך פארשטעלן ווען דער זעלבער אויבנדערמאנטער קינד באקומט די מתנה פון זיין טאטע, דער ספר, און ער טאנצט פאר שמחה מיט די מתנה, ער גייט ארויס פון די כלים אלץ באגייסטערונג, ער נעמט דער ספר און הייבט עס אן צו לערנען און ווען ער ענדיגט זאגט ער פאר'ן טאטן אז דער ספר איז אזוי שיין, הלוואי ווען ער האט ווען נאך פון דעם. צי וואלט דער טאטע נישט געלאפן אים קויפן נאך א ספר פון דעם? זיכער אז יא, ווייל א טאטע וויל דאך דערפרייען זיין קינד.

אז מיר וועלן דאנקען השי"ת, זיך פרייען מיט זיינע מתנות, וועלן מיר זוכה זיין צו נאך און נאך גוטע און זיסע השפעות.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 ● פון אמעריקע 151-86-130-140 ● פון ענגלאנד 0-330-3900-489 ● פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 ● פון ארגענטינע 3988-4031 ● פון אוקריינע 380-947-100-633

● פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

## מיין דרייצן יעריגע - פועל'ט ישועות

איך האב געהאט עטליכע קינדער אין שידוכים. דער עלטסטער איז געווען א בחור, נאך אים איז געווען מיין טאכטער. ווען עס איז אנגעקומען דער עלטער פון די שידוכים האב איך נישט געטראפן קיין שידוך פאר מיין בחור, אבער פאר מיין טאכטער האט מען געהאלטן אין איין אנטראגן שידוכים.

נישט וועלנדיג אז ביידע זאלן בלייבן שטיין אין די רייע, האב איך, נאכ'ן זיך דורכרעדן מיט רבנים געשלאסן א שידוך ערשט מיט די טאכטער ווען כ'בעט השי"ת אז דער שידוך פאר'ן בחור זאל אונטערקומען בקרוב.

עס האט זיך געשלעפט, אבער איך האב זיך נישט מייאש געווען.

אין א טאג קומט אהיים מיין יונגל זייער פארוויינט, עס איז געווען קענטליך אויף אים אז עפעס האט פאסירט מיט אים אין חדר. ווען כ'האב אים געפרעגט וואס גייט פאר, האט ער נאך א לאנגער צייט פון אויספרעגן זיך געבראכן און דערציילט אז עס איז דא א יונגל אין חדר וואס האלט אים אין איין טשעפענען, ער לאכט אים אפ זאגנדיג אז זיי האבן אין שטוב אן אלטער בחור, מען האט אים אפילו געהיפערט.

הערנדיג דאס האב איך אנגעהויבן טרייסטן מיין קינד אז דער קינד מוז זיין א גרויסער רחמנות. וועלכער קינד שעפט חיזוק פון א צווייטנס צרות? נאר איינער וואס איז פעלעריג, אנדערש קען נישט זיין.

מיין קינד האט עס געהערט און עס האט אים געגעבן חיזוק. ווען ער האט זיך בארואיגט, האב איך אים געזאגט אז יעצט ווען ער ווייסט שוין ווי אז יענער האט עס געטון צוליב נארישקייט קען ער אים שוין מוחל זיין.

עס האט גענומען עטליכע מינוט, דער קינד האט זיך געלאזט איבעררעדן, ער האט מוחל געווען יענעם בלב שלם.

"און יעצט אז דו האסט געטון אזא זאך, אזא גרויסע זאך, וויל איך אז דו זאלסט בענטשן מיט א פול מויל דיין ברודער און זאגן אז ביז א חודש זאל ער ווערן א חתן".

דאס קינד האט געזאגט און זיינע ווערטער זענען נתקיים געווארן, ביז א חודש איז זיין ברודער געווארן א חתן.

## צו די ריכטיגע אדרעס

אין דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט האבן אלע מיר געקענט אלץ דער נגיד פון שטאט, אבער עס איז שוין א שטיק צייט וואס איך האב אלעס דערלייגט, איך בין געליבן אן א פרוטה צו מיין נאמען, מיט א זאק פון חובות.

אין גאס ווייסט מען אז כ'בין נישט וואס איך בין געווען, אבער מען ווייסט נישט ווי ווייט עס גייט.

דער איינציגסטער זאך וואס עס האט מיר געהאלטן שטארק איז געווען די אמונה, איך האב זיך געהאלטן אין איין מחזק זיין באמונה.

אין א טאג האב איך באקומען א בריוו פון איינער פון די פירמעס וועמען איך בין שולדיג געלט, אז איך מוז זיי באצאלן כך וכך. ווי אייביג זענען די בריוון געקומען באגלייט מיט א סטראשע אז אויב איך וועל נישט באצאלן די חוב, וועל איך ליידן די קאנסקעווענצען.

די סארט בריוון, ווייס איך שוין פון לאנג, מוז מען ענטפערן. עס איגנארירן מאכט נאר ערגער. איך האב עס געענטפערט און נאכ'ן אפשרייבן א בריוו אז כ'וועל עס נעמען אין באטראכט, מען זאל מיר נאר געבן אביסל

## ווען די ברירה וואלט ווען געווען מיינער

**דערציילט הרה"ג ר' יעקב שפיאצקי פון בני ברק:**

עטליכע מאנאטן נאך דעם וואס איך האב זיך אריינגעצויגן אין מיין נייע דירה האבן מיר געבויט א פארטש. ווערנדיג געבויט אויף די העכערע שטאקן, האב איך ביים בויען זיכער געמאכט אז ארום און ארום דער פארטש בויט מען אייזערנע גראטעס, וועלכער זאלן צוריקהאלטן די מעגליכקייט אז ווער עס בייגט זיך ארויס פון דער פארטש זאל זיך חלילה ארויסגליטשן פון צווישן די גראטעס.

די גראטעס וועלן געווענליך געבויט שמאל, אז צווישן איין אייזן און די אנדערע, זאל נישט זיין מער ווי צען סענטימעטער, ווייל אויב עס איז דא מער, קען זיך א קינד, חלילה, דורכקוועטשן פון זיי, אבער ביי מיר, אן וואס איך זאל וויסן איז איין גראטע געבויט געווארן ברייטער ווי נארמאל, צווישן איין גראטע און די אנדערע איז געווען צוועלף סענטימעטער.

מיר וואלטן עס קיינמאל נישט באמערקט ווען נישט די פאלגנדע מעשה שהיה:

אבער ערשט לאמיר דערציילן וואס עס האט זיך אפגעשפילט פרייטיג בעפאר יענע שבת און אויך אום שבת אליינס.

נאך א לענגערע צייט וואס איך האב געלעבט מיט איינעם אין א שטארקער קאנפליקט ווארטנדיג אז יענער זאל איינזען אז ער איז באגאנגען א גרייז, ער האט מיר בא'עוולה'עט, ער דארף זיך אויסקומען מיט מיר, האב איך באשלאסן אז צו זיין צוקריגט מיט א צווייטן איד האט אויך א גרעניץ.

איך האב משלים געווען מיט די מציאות אז דער דערווייטערטער איבערבעטונג און פארהאנדלונג וועט נישט קומען צו גיין, און יענעם פרייטיג האב איך באשלאסן אז כ'גיי יענעם מוחל זיין און נישט נאר וועל איך אים מוחל זיין אין הארץ, נאר איך וועל יענעם לאזן וויסן אז כ'בין אים מוחל, און איך האב געזארגט אריינצושיקן פאר יענעם אויף שבת, ער זאל פארשטיין פון דעם אז די אנגעצויגענקייט צווישן אים און מיר איז פארביי, פון היינט און ווייטער לעבן מיר זיך ווי גוטע ברידער.

אויך יענעם שבת האב איך מיטגעלעבט א נסיון אין די נושא פון נישט ווערן באליידיגט, אנשטאט איך זאל ווערן גערעגט אויף יענעם, האב איך עס מקבל געווען באהבה זאגנדיג גם זו לטובה אויף די געשעעניש, אז וואס עס איז געווען איז געווען און אז איך האב נישט קיין פארדרוס אויף יענעם.

ווען איך בין אהיימגעקומען אין שטוב, האב איך גלייך באמערקט אז עפעס גייט פאר, דער עולם איז געווען איבערגענומען און געהאלטן אינמיטן קומען צו זיך. פרעגנדיג וואס עס האט פאסירט, האט מען מיר דערציילט וואס עס האט דא פאסירט.

"איך בין געזעסן מיט די קינדער אין דיינונג רום און געזאגט תהלים, מיר האבן געזאגט מזמור לתודה, דער קאפיטעל קל"ח ווי מען זאגט אודך בכל ליבי, אודה את שמך על חסדך ואמתך און אין יענער מינוטן האט די קליינע באשלאסן אז עס איז צייט אויסצופראבירן א געוויסער קונץ", האט מיין פרוי געשילדערט.

זי האט פראבירט זיך דורכצושטופן די גראטעס און עס איז איר געלונגען. א האר האט געפעלט אז זי זאל גיין אינגאנצן אויף די צווייטע זייט, אבער דאן איז מיין גרויסע טאכטער, פלוצלונג ארויס אין באלקאן, זעענדיג וואס דא גייט פאר, האט זי א כאפ געגעבן דאס קינד און איר אריינגעשלעפט....

"מזל טוב, האסט באקומען א קינד". האט מען מיר געזאגט אין שטוב.

אויסרעכענענדיג די צייטן האט עס געשטימט מיט די צייט ווען איך האב געזאגט גם זו לטובה אויף די שוועריגקייטן וואס איך האב געהאט אין שול, אבער יעצט איז עס געווען פון גאנצן הארץ.

ווען מען געבט מיר די ברירה וועלכער זאך איך וויל זיך אויסוועלן איז דאך קלאר אז איך וואלט גערן אנגענומען די שוועריגקייטן בין אדם לחבירו, איבער די צער פון א שאדן פאר מיין טאכטער, פון הימל האט מען מיר מציל געווען, עס איז געווען ווערד. הטוב, כי לא כלו רחמיך.

## דרייסיג טויזנט דיאמאנטן

מיט א חודש צוריק האט עס פאסירט. מיין בני בית האט גענומען מיין קינד צו א רוטינער באזוך ביים קינדער דאקטאר. דער באזוך איז געווען א געווענליכער אונטערזוכונג, אבער דאן, האט דער דאקטאר פארקנייטשט זיינע אויגן, געבנדיג דער איינדרוק אז עפעס גייט דא פאר, עפעס מער ווי נארמאל.

"צי האט עפעס פאסירט"? האט מיין פרוי געוואלט וויסן זעענדיג די גרימאסן וואס דער דאקטאר מאכט.

"יא, עס זעט מיר אויס אז אייער קינד ליידט פון א געוויסער שוואכקייט, דאס קינד וועט מעגליך דארפן אריבערגיין אן אפעראציע", האט דער קינדער דאקטאר א זאג געגעבן.

מיין פרוי איז געווארן באזארגט. דער דאקטאר האט איר געגעבן די נויטיגע צעטלעך


נאכן אויסוועלן א שפראך קענט אי

צו צוגיין צו א גרעסערער פראפעסאר און מען האט באזוכט ביי אים, און אויך ער האט געגעבן די זעלבע מיינונג, מען האט געמאכט די געפאדערטע טעסטן און די רעזולטאטן איז געווען די זעלבע, דער קינדער דאקטאר האט געהאט רעכט, דאס קינד ליידט פון א געוויסער שוועריגקייט און מען וועט איר דארפן אפערירן.

ווען די ענדגילטיגע רעזולטאטן זענען געקומען צו גיין איז אונז שווארץ געווארן פאר די אויגן. אן אפעראציע איז קיינמאל נישט קיין לייכטער איבערלעבעניש, נאכדערצו ווען עס רעדט זיך פון אזא קליינע קינד, מען טאר איר נישט געבן צו עסן פון צופרי און עס מיינט אויך וויילן א גאנצער טאג אין שפיטאל און די נאכווייען, ווילאנג די קינד ערהוילט זיך, עס איז עפעס וואס יעדער טאטע און מאמע זוכט און גלוסט צו פארמיידן פאר יעדער פרייז אין די וועלט.

דער סדר אין די שפיטעלער גייט צו, אז ווען די אפעראציע ווערט נענטער וועט מען קומען אין שפיטאל אויף א באזוך. מען וועט אפהאלטן א באגעגעניש מיט דער דאקטאר וואס גייט אפערירן דעם קינד, ער וועט נאכאמאל איבערמאכן די טעסטן, די דעטאלן און עס באשטימען און נאכדעם וועט די אפעראציע ווערן א מציאות.

אינצווישן האבן מיר אסאך מתפלל געווען, מען האט געדאווענט צו השי״ת אז מיר זאלן פטור ווערן פון די אפעראציע, אונזער וואונטש איז געווען אז דער גאנצער זאך זאל אוועקגיין, אבער ווי נענטער מען איז געקומען צו דער זאך, האט מען זיך געגרייט אויך אין א טעכנישער וועג אויף די אפעראציע.

״א טאג בעפאר דער געפלאנטער באזוך ביי דער דאקטאר וואס גייט אפערירן דאס קינד בין איך געווען אין כולל״, דערציילט דער טאטע.

איך בין געזעצן און געלערנט מיט מיינער א נאנטער חבר, איינער פון די בעסטע אינגעלייט אין כולל, וועלכער זאגט אלעמאל די בעסטע און די שענסטע סברות און מאכט מיר ליכטיג אין די גמרא, און איך האב באמערקט אויף זיין געזיכט אז ער איז עפעס נישט אין די כלים, עס לערנט זיך נישט.

זעענדיג דאס האב איך זיך צוגעשארט צו אים, איך האב אים א פרעג געגעבן צי עפעס האט פאסירט מיט אים.

אין אנהייב האט ער נישט געוואלט רעדן, אבער נאך א לאנגער צייט פון מוטשענען האט ער מיר מודה געווען אז יא, צוליב אן אומגעראכטענע סיבה נוטיגט ער זיך אין די סומע פון דרייסיג טויזנט שקל און ער האט עס נישט פון וואו צו נעמען.

איך האב גראדע געהאט ביי מיר ליגן אזא סומע, איך האב עס אים געקענט פארבארגן, אבער איך האב נישט געוואלט אזא זאך אויף מיינע אייגענע פלייצעס, איך האב ערשט זיך געוואלט דורכרעדן אין שטוב צי איך זאל עס טון צי נישט.

ביינאכט, נאכ׳ן כולל, האב איך עס אויסגעשמועסט מיט מיין בני בית, אבער זי האט בשום אופן נישט געוואלט הערן פון דעם.

״עס איז צי א גרויסע סומע, עס קומט נישט אין באטראכט, גיי ווייס צי יענער וועט עס קענען אפצאלן״, האט זי גע׳טענה׳ט.

זעענדיג אז עס גייט נישט, האב איך געהויבן הענט, איך האב זיך געגרייט ארויסצוגיין פון שטוב, צוריק צו מיין נאכט כולל.

זייענדיג אויפ׳ן וועג ארויס האב איך געטראפן א גליון וואס רעדט ארום פון די גרויסקייט אין צדקה. אין דעם גליון ווערט דערציילט אז א איד איז אמאל געגאנגען אין גאס מיט זיין קינד, אין זיין טאש האט ער געהאלטן פינעף ברויטלעך. אונטערוועגנס האט זיי באגעגנט אן ארעמאן, דער ארעמאן האט זיי א פרעג געגעבן צי זיי קענען אים געבן עפעס צו עסן, דער טאטע האט געזאגט אז יא און געגעבן פאר׳ן ארעמאן צוויי ברויט. נאכ׳ן געבן פאר׳ן קינד די ברויט, האט זיך דער טאטע אויסגעדרייט צום קינד און אים א פרעג געגעבן וואס ער האלט, וויפיל ברויט האבן זיי יעצט?

״וואס הייסט וויפיל, עס איז אונז געבליבן דריי ברויטן״.

״נישט ריכטיג״, האט דער טאטע אים געענטפערט.

״די דריי ברויטן וואס ליגט ביי אונז וועלן מיר בקרוב אויפעסן, די צוויי וואס מיר האבן געגעבן פאר דער ארעמאן דאס איז אונזערס, דאס זענען דיאמאנטן וועלכע מיר האבן אוועקגעלייגט לעולם הבא״.

איך האב די מעשה דערציילט פאר מיין פרוי און זיך געגעבן א רוף אן צו איר, אז אפשר קענען אונז יעצט אויך זוכה זיין צו דרייסיג טויזנט דימאנטן, מיר וועלן געבן דעם יונגערמאן וויפיל ער דארף, און מיר וועלן זיך אנזאמלען פאר יענער וועלט דרייסיג טויזנט דיאמאנטן.

הערנדיג די מעשה האט עס איר געכאפט, זי האט גלייך געגעבן איר צושטימונג דערצו און איך האב אריינגעקלינגען דעם יונגערמאן און אים דערציילט אז איך וועל איך אים קענען פארבארגן די סומע, הערנדיג דאס איז ער געווארן אויסער זיך פאר שמחה, ער האט מיר געדאנקט, עס איז געווען קענטליך אויף זיין שטימע, אז איך האב אים אראפגענומען א שטיין פון זיין הארץ.

זייענדיג אונטער׳ן איינדרוק פון די מעשה, האב איך א זאג געגעבן פאר מיין פרוי אז די שריט זאל זיין לזכות אז עס זאל זיך מארגן ארויסשטעלן אז עס פעלט זיך נישט אויס די אפעראציע.

צומארגנס איז מיין פרוי אריבער צו דעם דאקטאר וואס גייט דורכפירן די אפעראציע, דער דאקטאר האט אונטערגעזוכט דאס קינד און גלייך באשטעטיגט אז דאס קינד האט טאקע געליטן פון דעם פראבלעם אבער עס האט זיך שוין פארהיילט.

״מען דארף אים מער נישט אפערירן״, האט ער געגעבן א זאג.

מיט איין שמחה איז מיין פרוי ארויס פון דארט, זי האט מיר דערציילט די גוטע בשורה און כ׳האב געדאנקט דעם באשעפער. אויפ׳ן ארט איז מיר איינגעפאלן די ווערטער וואס מען זאגט יעדן טאג ביי אלו דברים שאין להם שיעור אז פון גמילות חסד עסט מען די פירות אויך אויף די וועלט.

צייט, האב איך עס געשיקט דורכ׳ן פאקס צו די לויער פון יענער פירמע.

עס איז אריבער א שטיק צייט און מיין טעלעפאן קלינגט, אויפ׳ן טרייבל איז איינער פון מיינע באקאנטע.

״זאג, עס קען זיין אז דו האסט מיר יעצט געשיקט א פעקס״?

״ניין״.

יענער איז געווען פאר׳עקשנ׳ט אז יא, איך האב אים יעצט געשיקט א פעקס. ווען ער האט מיר איבערגעזאגט פון וואס דער פעקס רעדט זיך האב איך פארשטאנען אז יא, איך האב געמאכט א טעות, אנשטאט צו שיקן דער פעקס פאר׳ן לויער האב איך עס געשיקט צו אים.

אזעלכע בזיונות!

איך האב זיך גלייך אנטשולדיגט פאר׳ן איד, אבער ער האט מיר געזאגט אז ניין, אדרבה, יעצט זעט ער מיין מצב און איך דארף זיך נישט זארגן, ער וועט קעיר נעמען פון די חוב.

והבוטח בהשם חסד יסובבנו.

## דער בעסטער טערעפיסט

אין איינער פון די תלמוד תורה׳ס וואו איך דין אלץ טערעפיסט פאר שוואכע און צוריקגעבליבענע קינדער, האט געלערנט א קינד וואס האט זיך דרינגענד גענויטיגט אין הילף, לויט מיין שאצונג האב איך געהאלטן אז עס איז אפילו מעגליך אז ער ליידט אביסל פון אויטיזם.

איך האב גע׳עצה׳ט די עלטערן אז זיי זאלן אים נעמען אויף באהאנדלונג, אבער די עלטערן האבן נישט געהאט צו צאלן די קאסטן און די זאך האט זיך געשלעפט.

א שטיק צייט איז אריבער. איך האב באזוכט דעם קינד און וואונדער! דאס קינד איז נארמאל, ער האלט מיט די לימודים ווי א געהעריגער קינד.

וואספארא סארט טערעפי האבן זיי געגעבן פאר׳ן קינד? האב איך זיך געוואונדערט, איך האב גערעדט מיט די עלטערן, איך האב זיי געבעטן אז זיי זאלן מיר אויסזאגן דער סוד, אז איך זאל קענען שיקן נאך קינדער אויף דעם זעלבן באהאנדלונג.

צו מיין וואונדער איז דער ענטפער געווען אז ניין! זיי האבן אים נישט געשיקט קיין ערגעץ, נאר זעענדיג אז דאס קינד דארף הילף און זיי קענען גארנישט טון, האבן די עלטערן באשלאסן אז זיי גייען אנהייבן זאגן תהלים פאר׳ן קינד, די מאמע האט טאג טעגליך געזאגט פאר׳ן קינד א האלבע שעה תהלים און וואונדער, די תהלים האט געהיילט, נאך בעסער ווי דער בעסטער דאקטאר.

## א ריח ניחוח

דערציילט ר׳ דוד פון בני ברק:

ביי די קאראנע סעזאן האב איך פאלוירן מיין חוש הריח, אבער אנדערש ווי ביי אנדערע, ווי עס האט זיך צוריקגעקערט נאך א שטיק צייט, איז עס ביי מיר געבליבן און געבליבן, איך האב געשפירט ווי איך האב נישט קיין חוש הריח.

דער איבערלעבעניש איז זייער שווער. עס שפירט זיך כמעט ווי דער נחש וואס עסט און ער שפירט אין אלעס א טעם פון ערד.

נאך די פרשה אין מירון האט מיר געכאפט א התעוררות זיך צו שטארקן אין די נושא פון ברכות, צו מאכן א ברכה מיט כוונה און אינזינען האבן צו לויבן פאר השי״ת מיט׳ן גאנצן הארץ.

איך האב אזוי געטון און וואונדער, דער חוש הריח האט זיך צוריקגעקערט, איך בין געווען אזוי באגייסטערט פון דעם אז כ׳האב געטראכט צו מאכן א קידוש, אבער ביז צו די קידוש, האב איך זיך געקויפט א פושקע טאבאק און געגעבן פאר אידן צו שמעקן.

אין א טאג האב איך געשפירט א שוואכקייט אין שמעקן, ווען איך האב זיך געמאכט א חשבון הנפש האב איך געזען אז איך האב זיך נאכגעלאזט אין מיין קבלה, איך האב זיך געשטארקט און דער ריח האט זיך צוריקגעקערט, חסדי השם.



אמעריקע, איז דא א נייע נומער 151-86-130-140 נייעס! פרויען אפטיילונג אין ענגליש - דרוקט 7 ביי די ענגליש אפטיילונג

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**עס איז שוין א שטיק צייט וואס כ'קוק ארויס אויף א געוויסע ישועה, די יעצטיגע צושטאנד איז ממש אומדערטרעגליך. מיין שאלה איז, וואס זאל כ'טון ביז ווען די ישועה קומט אן. צי פאדערט זיך פון מיר איך זאל פארבעסערן מיינע מעשים, אדער אפשר דארף איך מער דאווענען אדער גאר דארף איך מאכן מער השתדלות, אדער פאדערט זיך פון מיר איך זאל משלים זיין מיט'ן מצב אזוי ווי עס איז און מקבל זיין די זאך באהבה. איך וואלט זיך געפרייט צו באקומען א תשובה אויף מיין שאלה.**

שאלה נומער 20

ד.ל. בית שמש

## אלע וועגן זענען ריכטיג

שאלת חכם חצי תשובה. אין דיין שאלה האסטו פארגעלייגט עטליכע זאכן וואס דו קענסט טון אין ליכט פון די שוועריגקייט אין וואס דו געפינסט זיך, דער אמת איז, זאגט אונז **הרב אפרים סאבערסקי פון אשדוד** אז וועלכע פון די דערמאנטע פעולות דו קענסט מקיים זיין, זאלסטו מקיים זיין, אז דו קענסט דאווענען - דאווען, אז דו האסט די מעגליכקייט צו טון השתדלות - טוה עס!

ענדליך צו דעם זאגט **הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש און הרב שלמה אייזנבאך פון ביתר עילית** אלע וועגן וואס דו האסט אנגעצייכנט איז גוט, אבער חלילה משלים צו זיין מיט דער מצב.

משלים זיין מיט'ן מצב קען זיין גוט, זאגט אונז **הרב אהרן נחמן פון נוף הגליל**, ווען מ'טוט עס אינאיינעם מיט די דערמאנטע זאכן וואס דו דערמאנסט אין די שאלה, ווי זיך באשטימען צייט אין טאג פאר השתדלות, פאר תפילה, פאר תשובה, אבער איינמאל האסט אפגעטון דיין חובה איז צייט מען זאל משלים זיין מיט'ן מצב אז וואס עס איז דא איז זיכער לטובה און השי"ת וועט דיר בקרוב שיקן די ישועה, ענדליך צו דעם זאגט **הרב מענדל פיין פון ירושלים** אז אויב די רעדע איז פון א גשמיות'דיגער געברויך קען מען אויך אריינכאפן די מצוה פון שמח בחלקו, צו זיין פרייליך מיט דיין חלק.

**הרב יוסף אסטאנבאלי פון מודיעין עילית:** עס איז שווער צו זאגן ווען א מענטש דארף משלים זיין מיט'ן מצב, אז מען איז נישט באקאנט מיט דער פאל, אבער דאס איז זיכער אז ווען דו שפירסט אז דו האסט שוין געמאכט אלע השתדלות וואס עס פעלט זיך אויס, ביסטו פטור צו מאכן נאך השתדלות, אבער, תפילה, בעטן קענסטו אייביג ממשיך זיין צו בעטן, עס האט נישט קיין גבול און השי"ת וועט דיר זיכער העלפן בקרוב ובמהרה.

## הודאה - דאנקען

**הרב דוד לייפער פון ירושלים:** פון דיינע ווערטער דערקענט זיך אז דו האסט גענומען אלע אויסוועגן אין חשבון, אבער לדעתי איז דא איין זאך וואס עס פעלט דארט, די איינע זאך איז הודאה - דאנקען. עס קען רואיג זיין אז די נקודה איז מעכב דיין ישועה. עס ווערט ערקלערט אין די ספרים הק' אז ווען עס גייט אריבער אויף א איד א שוועריגקייטן זאל ער דאנקען פאר השי"ת אויף די שוועריגקייט ווייל דער דאנקען איז א גרויסע סגולה ממשיך צו זיין א ישועה און אויב וועט איר פרעגן ווי אזוי קען מען דאנקען אויף א זאך וואס עס זעט נישט אויס גוט? די שאלה ענטפערט **הרב דוד גראס פון בני ברק און הרב משה דאווידאוויטש פון אופקים** אז א איד דארף אייביג וויסן אז וואס השי"ת טוט מיט אים איז די בעסטע זאך וואס עס קען נאר זיין פאר אים, אבער דורך תפילה און תשובה ומעשים טובים קען ער ממשיך זיין נאך בעסערע השפעות פאר אים.

## מתקן זיין וואס עס פעלט זיך אויס

**הרב חיים מאיר וואסערמאן פון בני ברק:** לאמיר מיטטיילן וואס עס שרייבט אויף דעם דער ספר העיקרים אין מאמר רביעי [פרק ח'] אז וועגן דעם איז תשובה ותפילה מציל דעם מענטש פון א גזירה, ווייל דורך תשובה ותיקון המעשים ווערט דער מענטש נהפך לאיש אחר, עס קומט אויס אז די גזירה וואס איז נגזר געווארן אויפ'ן מענטש קומט נישט אן פאר'ן מענטש, ווייל דער מענטש איז אן אנדער מענטש, עס איז ווי ער האט געטוישט זיין אדרעס, אז די גזירה ווייסט נישט וואו אהין ער דארף אנקומען, עס קען זיין אז מען דארף דא אויך מתקן זיין די מעשים און די זאכן וועלן זיך אפטון פון דעם מענטש.

## שאלה לעלון 69

נאך די שווערע אומגליקן וואס איז אריבער אויף כלל ישראל ר"ל, האט מיר געבאדערט. פון איין זייט, דארף מען זיך משתתף זיין מיט צער פון כלל. און פון צווייטע זייט האב איך געפילט אז ס'ברייננגט מיר צו זיין צובראכן. וואס איז די ריכטיגע טראכט אין דער צייט?

י. י. ש. - ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת בלק. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

### געציילטע מינוטן פאר שבת רופט מיר דער יונגערמאן אן און זאגט מיר: ר' מאנדעל, ביסט געווען גערעכט!

"ער איז טאקע מיין קינד, אבער מיט דעם אלעם זעה איך נישט פאר מיר קיין אנדערע אויסוועג, איך וועל אים מוזן איבערגעבן פאר די פאליציי".

מיט די קורצע ווערטער האט א צובראכענע טאטע זיך אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ פאר מיר מיט פיר יאר צוריק. דער צובראכענער טאטע, האט דערציילט אז זיין קינד איז עקסטרעם ווילד, אז ער קען זיך נישט אויסקומען מיט אים, אז ער זעט נישט פאר זיך אן אנדערע וועג, ווי אים איבערגעבן פאר די פאליציי, ווייל נאר זיי וועלן אים קענען איינהאלטן אין די ראמען.

א לענגערע צייט האב איך גערעדט מיט'ן טאטן. דורכאויס דער שמועס האב איך אים איבערגעצייגט אז דער מצב איז נישט אזוי געפערליך, אז ער וועט נאך זען אסאך נחת פון דעם קינד. דער טאטע האט זיך בארואיגט, ער האט אנגענומען מיינע ווערטער, עס איז אריבער א שטיק צייט און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בחור האט זיך געטוישט מקצה אל הקצה, ער איז היינט א פיינער בחור, א געשמאקער, אן איידלער, ער איז צו גאט און צו לייט.

וואס האט זיך געטוישט? צי ליגט דא א וואונדער? ניין, ממש נישט, אלעס איז דער כח המחשבה, עס איז די בטחון, די אמונה, ווען מען טראכט אז עס גייט זיין גוט, ווערט גוט.

א שטיק צייט צוריק האט מען מיר געבעטן איך זאל גיין באזוכן א יונגערמאן וואס איז ל"ע געווען קראנק מיט די ביטערע מחלה ה"י. דער יונגערמאן האט געהאט שווערע יסורים, ער האט שוין נישט געזען קיין האפענונג פאר זיך, ער האט גערעדט פון זיין לויה, פון די ירושה, ער איז געווען פארנומען וואס וועט זיין מיט זיינע יתומים וועלכער ער לאזט איבער אויף די וועלט נאך זיך.

די אומעטיגקייט וואס עס האט געהערשט דארט איז געווען זייער גרויס. איך האב זיך געוואנדן צו דעם יונגערמאן און אים א פרעג געגעבן צי ער איז אלעמאל געווען אזא שווארץ קוקער? "ניין", איז געווען זיין ענטפער. "אבער זעסט דאך", האט ער געזאגט און געוויזן וואס די דאקטוירים שרייבן איבער זיין קרענק.

דערביי האט ער מיר באוויזן די צעטלעך פון די דאקטוירים וועלכע באשטעטיגן אז ער איז ביטער קראנק, אז די מחלה האט זיך אויסגעשפרייט אין אים, איבער זיין גאנצער קערפער.

הערנדיג דאס האב איך זיך געוואנדן צו אים, ערקלערנדיג אז זיכער ווארט ער אז איך זאל מיטפילן מיט אים, איך זאל וויינען מיט אים, אבער ניין, איך וועל עס נישט טון, ווייל איך וויל ער זאל ארויסגיין פון דעם. איך האב אנגעהויבן רעדן מיט אים דברי אמונה, בטחון, איך האב זיך גע'טענה'ט מיט אים אז ער איז בכלל נישט קראנק, אז ער איז געזונט און שטארק און נאכגעזאגט וואס דער דאקטאר, דער צדיק הגאון ר' משה דוד וואלי זצ"ל פלעגט צו זאגן אז דער תפקיד פון א דאקטאר איז איבערצוציי̈גן דער קראנקער אז ער איז בכלל נישט קראנק. דערביי האב איך אים דערציילט אז דאקטוירים האבן אמאל געמאכט אן עקספערימענט, זיי האבן גענומען צען מענטשן וועלכער זענען געווען קראנק מיט די זעלבע קרענק, פאר פינף פון זיי האבן זיי געזאגט אז זיי גייען שטארבן ביז צען טעג, צו די אנדערע האבן זיי גארנישט געזאגט, עס איז טאקע אזוי געווען, נאך צען טעג האט שוין קיין איינער פון די ערשטע פינף נישט געלעבט.

א לאנגער צייט האב איך פארברענגט מיט דעם יונגערמאן, איך האב ערווארטעט ער זאל טוישן זיין מיינונג, אבער דער יונגערמאן איז געווען צי געריבן, ער האט גוט געקענט זיין מצב, ער האט זיך נישט געהאלטן ביים לאזן איבעררעדן, ער איז געבליבן אנגעצויגן און פארטרערט קלאגנדיג אויף זיין ביטערע שיקזאל.

געציילטע טעג איז אריבער, עס איז געווען פרייטאג פאר שבת, דער יונגערמאן קלינגט מיר אן: ר' מאנדעל ביסט געווען גערעכט, דער דאקטאר האט מיר יעצט אונטערגעזוכט, ער זאגט אז עס איז א קלייניגקייט, איך וועל ארויסגיין פון דעם און וואונדער, האט ער צוגעלייגט, אין די רגע אז דער דאקטאר האט עס געזאגט, האב איך שוין נישט געשפירט קיין ווייטאג, ווייל אז מען טראכט גוט איז גוט!

די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העבעראיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

## מצד די באקומער

לעצטנס האב איך מיטגעמאכט א שווערע נסיון, עס איז געווען כמעט אוממעגליך עס בייצושטיין, די כוחות עומד צו זיין אין דער נסיון, האב איך באקומען פון דעם ליינען אייער גליון און זיך איינהערן צו די שיעורים אויפ'ן טעלעפאן.

אשריכם!

י.ז.ג בני ברק

## מצד די געבער

דעם פארגאנגענעם שבת האט זיך מיין זון שטארק אפגעבריט. מען האט אים געמוזט אריינפירן אין שפיטאל שבת, פאר עטליכע טעג איז ער געווען אויף א רעספירעיטער. דינסטיג, זענדיג אז דער מצב רוקט זיך נישט אהין און אהער, האב איך זיך דערמאנט אין די וואונדערליכע סגולה פון תורם זיין געלט פאר דער מכון 'השגחה פרטית', אויפ'ן ארט האב איך תורם געווען און גלייך נאכדעם איז געווארן א גרויסער שינוי לטובה, מיין קינד איז ארויס מכלל סכנה.

א טעלעפאן קאלל וואס איז אריינגעקומען אין די מערכת


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| | | |
|---|---|---|
| העברה לבנק<br>לאומי סניף 902<br>חשבון 57390056 | משלוח בדואר<br>לת.ד. 5475<br>ירושלים | בעמדות נדרים<br>פלוס על שם<br>'שער הבטחון' |


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה